- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## לבחורי חמד

## נישט פארלוירן ווערן
## אין קיין שום מצב


יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

וישלח שנת תשפ"ג לפ"ק

- גליון יח -

## כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

נתנדב ע"י
ידידנו היקר שביקרים
מופלא ומופלג בכל המעלות
ובעל מידות תרומיות ומוזהבות,
**הרוצה בעילום שמו**

לע"נ

הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה
וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה
מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה
והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן**
בן **מנחם מענדל** ע"ה

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א יגן בעדיו
שיתברך בכל מעשי ידיו בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן
וחסד בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# נישט פארלוירן ווערן
# אין קיין שום מצב

## התקינו שיהא אדם שואל את שלום חבירו בשם

טייערע בחורים, מען קוקט זיך ארום און מ'זעט ב"ה לעכטיגע בחורים וואס עס זעט זיך אן אז זיי זענען פון די וואס ניצן אויס די זכיה וואס מ'האט זיי געגעבן פון הימל צו זיין פון יושבי בית ה', לחזות בנועם ה' און פון די מבקרים בהיכלו בתמידיות מדי יום ביומו און ווי מ'הערט לערנען די בחורים ב"ה פלייסיג ווי עס דארף צו זיין ווי אויך איז די דאווענען ב"ה ווי עס פאסט פאר ערענסטע חסידישע בחורים, איז אויב אזוי ווייס איך נישט פארוואס איך קום אהער מאכן ביטול תורה.

איז אבער דא איין נקודה וואס איז נוגע פאר יעדן איד בכלל און בחורי חמד בפרט. דער הייליגע באשעפער האט אזוי אוועקגעשטעלט די בריאה אז יעדער מענטש און בפרט בחורי קודש גייען דורך פארשידענע שווערע מצבים וואס שוואכן אפ מענטש צו דאס איז געוויסע חלישות הדעת, שווערע נסיונות, א געפיל אז מ'איז נישט מצליח ווי מען האט זיך גע'חלומ'ט אדער אנדערע יסורי הנפש וואס יעדער איינער גייט אדורך, איינער מער איינער ווייניגער. דארף מען וויסן וויאזוי א בחור דארף דאס אננעמען ביי זיך און וואס זיין עבודה איז ווען ער זעט אז זיין חבר גייט דורך א געוויסע שוועריקייט.

עס שטייט אין משנה אין מסכת ברכות[א], **והתקינו שיהא אדם שואל את שלום חברו בשם, שנאמר**[ב] **וְהִנֵּה בֹעַז בָּא מִבֵּית לֶחֶם וַיֹּאמֶר לַקּוֹצְרִים**

---

א פרק ט' משנה ה'.

ב רות ב, ד.

**ה' עִמָּכֶם וַיֹּאמְרוּ לוֹ יְבָרֶכְךָ ה'.** ואומר[ג] **וַיֹּאמֶר אֵלָיו ה' עִמְּךָ גִּבּוֹר הֶחָיִל וכו'.** חכמינו ז"ל האבן מתקן געווען אז ווען איינער גרוסט זיין חבר, זאל מען דערמאנען און זיך גריסן מיטן אויבערשטנ'ס נאמען.

די מקור פון וואו די משנה לערנט עס ארויס, איז פון בועז ווען ער איז געקומען אין פעלד, האט ער געגרוסט זיינע ארבעטארער'ס וואס האבן געשניטן די תבואה אין פעלד, און ער האט זיי געגרוסט מיטן אויבערשטנ'ס נאמען.

און אזוי אויך טרעפט מען ביי גדעון, ווען דער מלאך האט אים זיך אנטפלעקט צו אים, האט דער מלאך געגרוסט גדעון און האט דערמאנט דעם נאמען פונעם אויבערשטן.

דאס איז וואס די משנה זאגט, אז יעדעס מאל ווען איינער גרוסט זיין חבר, זאל ער דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן. און די משנה לייגט צו אז טראץ וואס מען טאר נישט סתם אזוי דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן, אבער 'עת לעשות לה' הפרו תורתיך', וויבאלד דאס איז די רצון ה' אז מען זאל געבן שלום איינע די אנדערע, ממילא ווען מעג געבט שלום איינע פאר די אנדערע מעג מען דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן[ד].

און עס ווערט געברענגט א מחלוקת אין די מפרשים צו מען האט עס מתקן געווען אלס א חיוב, אז מען מוז דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן ווען מען גרוסט זיך איינע די אנדערע, אדער עס איז בלויז א רשות, און מען האט מתיר געווען צו דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן.

---

ג שופטים ו, יב.

ד עיין רש"י ברכות דף נ"ד ע"א, ד"ה שיהא.

## שלום, שמו של הקב"ה

די גמרא ברענגט אין מסכת שבת[ה], **אסור לאדם שיתן שלום לחבירו בבית המרחץ, משום שנאמר**[ו] **וַיִּקְרָא לוֹ ה' שָׁלוֹם**. מען טאר נישט געבן 'שלום' פאר א חבר אין בית המרחץ, ווייל מען זעט אין פסוק ביי די פרשה פון גדעון, אז 'שלום' איז איינע פון די נעמען פונעם אויבערשטן.

פרעגט די גמרא פארוואס נאר די נאמען 'שלום', דער אויבערשטער ווערט דאך אויך אנגערופן מיטן נאמען 'נאמן', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[ז] הָאֵל הַנֶּאֱמָן, און די גמרא ברענגט א ראי' אז מען מעג יא דערמאנען דאס ווארט נאמן אין א בית הכסא וכדומה.

ענטפערט די גמרא אז 'נאמן' איז בלויז א טיטל צו די נאמען פונעם אויבערשטער[ח], דאקעגן 'שלום' דאס אליינס איז די נאמען פונעם אויבערשטן.

און די פוסקים זענען דן איבער די קדושה וואס עס ליגט אינעם ווארט 'שלום'. דער רדב"ז אין תשובות[ט] איז דן צו מען מעג סתם אזוי דערמאנען 'שלום' ווען מען שרייבט א בריוו, און דער רדב"ז איז מחלק צווישן ווען מען שרייבט עס אלס א שאילת שלום, וואס מען וויל זיך באגריסן מיט א צווייטן, דעמאלטס האט עס א קדושה פונעם אויבערשטנ'ס נאמען, אבער אויב מען וויל סתם דערמאנען דאס ווארט שלום, לדוגמה, אויב מען וויל פארציילן אז עס איז דא שלום צווישן צוויי מענטשן וכו', דעמאלטס איז נישט חל די קדושה פונעם אויבערשטנ'ס נאמען, ועיי"ש.

ה דף י' ע"ב.

ו שופטים ו, כד.

ז דברים ז, ט.

ח אזוי ווי עס איז מבואר אין פסוק הא-ל - דער אויבערשטער, הנאמן - וואס איז א נאמן.

ט חלק א' סימן ר"כ, (הובא בפתחי תשובה ביו"ד סימן רע"ו ס"ק כ"ח).

לכאורה דארפן די צוויי הלכות האבן א הסבר, וואס איז פשט אז מען האט מתקן געווען אז ווען מען באגריסט זיך מיט א צווייטן דארף מען דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן? אזוי אויך וואס איז פשט אז ווען מען גרוסט זיך איינע מיט די אנדערע באקומט דאס ווארט שלום א קדושה פונעם אויבערשטנ'ס נאמען?

"וואס איז פשט אז מען האט מתקן געווען אז ווען מען באגריסט זיך מיט א צווייטן דארף מען דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן?"

## יעדע זאך האט א פונקטליכע חשבון

ווי פריער דערמאנט גייט יעדער מענטש אריבער שוועריקייטן אין זיין לעבן, ליידער גייען מענטשן אריבער פארשידענע שרעקליכע יסורים ה"י, און אפילו אויב מען האט ב"ה נישט קיין שרעקליכע יסורים, האט אבער יעדער איינער זיין פעקל און זיין באשטימטע מאס עגמת נפש וואס ער מוז אדורכגיין אויף די וועלט.

יעדע זאך וואס א מענטש גייט אריבער האט א פונקטליכער חשבון פון אויבן, דער אויבערשטער האט באשערט פאר יעדעם איינעם פונקטליך וואס ער דארף אריבערגיין, אלעס איז געמאסטן און געוואויגן, און קיינער גייט נישט אריבער קיין פינטעלע מער פון וואס עס איז אים באשערט'.

"אלעס איז געמאסטן און געוואויגן, קיינער גייט נישט אריבער קיין פינטעלע מער פון וואס עס איז אים באשערט"

---

י דער אויבערשטער געבט פאר א מענטש יסורים מיט א פונקטליכע מאס, יעדעס זאך איז געמאסן און געוואויגן, אזוי ווייט אז אויב ווערט עפעס צוגעלייגט, וועט עס באצאלט ווערן מיט א חשבון, ווייל דער אויבערשטער געבט נישט סתם אזוי יסורים, נאר אלעס איז לפי ערך ולפי חשבון.

**אזוי** ווי מען טרעפט אין די פסוקים ביי די פרשה פון בני גד ובני ראובן, ווען די צוויי שבטים - שבט גד און ראובן - האבן געבעטן משה רבינו אז זיי ווילן באקומען א חלק אין עבר הירדן, איז נאכדעם וואס משה רבינו האט זיך אויסגענומען מיט זיי די תנאים, האט משה רבינו צוגעלייגט צו זיי 'חצי שבט מנשה' וואס זיי זאלן

אויך באקומען א חלק אין עבר הירדן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר לב, לג) וַיִּתֵּן לָהֶם מֹשֶׁה לִבְנֵי גָד וְלִבְנֵי רְאוּבֵן וְלַחֲצִי שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה בֶן יוֹסֵף וגו'.

**שטעלן** זיך די מפרשים, די גאנצע בקשה צו באקומען א חלק אין עבר הירדן איז בלויז געקומען פון בני גד ובני ראובן, ווי קומט אריין דא 'שבט מנשה' אז משה רבינו זאל געבן פאר האלב שבט מנשה א חלק אין עבר הירדן? זיי האבן דאס קיינמאל נישט געבעטן?

**נאר** וואס דען, עס שטייט אין חז"ל (מדרש רבה פד, יג, וראה בילקוט שמעוני רמ"ז תתנ"ו) אז דאס איז געקומען מדה כנגד מדה, ווען די שבטים זענען אראפגעגאנגען קיין מצרים קויפן עסן ביי די הונגער יאר, האט יוסף הצדיק אריינגעלייגט די בעכער אין די זאק פון בנימין, דערנאך האט יוסף געשיקט מנשה זאל זיי נאכיאגן און אונטערזוכן זייער פעקלעך, און ווען מען האט עס געטראפן ביי בנימין, שטייט אין פסוק (בראשית מד, יג), וַיִּקְרְעוּ שִׂמְלֹתָם, די שבטים האבן צוריסן זייער קליידער. און אלס עונש וואס מנשה האט גורם געווען אז די שבטים זאלן צורייסן זייערע קליידער, איז נגזר געווארן אז זיין שבט איז אויך צוריסן געווארן, און עס איז געווארן צוטיילט אין צוויי.

**אבער** לכאורה דארף מען פארשטיין, עס שטייט דאך אין חז"ל, אז די סיבה פארוואס די שבטים האבן באקומען אזא צער און האבן צוריסן זייערע קליידער, איז געקומען אלס מדה כנגד מדה, וויבאלד זיי האבן גורם געווען אז יעקב אבינו זאל צורייסן זיינע קליידער ווען ער האט געהערט אז יוסף הצדיק איז נישטא. אויב אזוי פארוואס איז מנשה באשטראפט געווארן אויף דעם, עד כדי כך אז מען האט צוריסן זיין שבט?

**נאר** דער פשט איז, טראץ וואס עס איז געווען באשערט פון הימל אז יוסף זאל ווערן פארקויפט, און עס איז געווען א פסק דין וואס דער אויבערשטער האט מסכים געווען דערצו, אבער עכ"ז האט נישט אויסגעפעלט אז די שבטים זאל זאגן 'טרף טרף יוסף', זיי וואלטן געקענט זאגן אז זיי ווייסן נישט וואו יוסף איז, פארוואס האבן זיי דאס געדארפט זאגן? און דאס האט צוגעברענגט א מורא'דיגע צער פאר יעקב אבינו, און ער האט צוריסן זיינע קליידער, און אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וימאן להתנחם'.

**און** וויבאלד זיי האבן צוגעלייגט א עקסטערע צער פאר יעקב אבינו, טראץ וואס די עצם מכירת יוסף איז געווען א פסק דין פון הימל, אבער וויבאלד זיי האבן צוגעלייגט צו די גזירה, דעריבער זענען זיי באשטראפט געווארן אז זיי האבן צוריסן זייערע קליידער. ווייל אפילו אויב עס איז באשערט אז א געוויסע זאך זאל פאסירן צו א מענטש, אבער אויב ווערט עפעס צוגעלייגט ווערט מען דארפן באצאלן דערפאר.

**און** די זעלבע זאך איז געווען ווען יוסף האט באהאלטן די בעכער אין די זאק פון בנימין, אזוי ווי מען טרעפט אין די פסוקים, אז די שבטים האבן א גאנצע צייט מקבל געווען די דין שמים באהבה, און זיי האבן דאס אנגענומען אלס עונש אויף

אבער מען דארף פארשטיין, אז ווען עס קומט חלילה יסורים אויף א מענטש, ווערט עס צוטיילט אין צוויי חלקים, עס איז פארהאן די יסורים וואס ווערט געשיקט מצד דער נותן - דער אויבערשטער - וואס שיקט די יסורים צו א מענטש, וואס דאס ווערט געשיקט מיט א מורא'דיגע פונקטליכקייט, נאר וויפיל דער מענטש קען דערהייבן.

דערנאך איז דא דער חלק פונעם מקבל ווי אזוי ער נעמט אן די יסורים, וואס דער חלק איז תלוי און ווענדט זיך אינעם מקבל - דער מענטש - ווי אזוי ער איז מקבל די יסורים וואס דער אויבערשטער שיקט אים, אזוי ווי מען וועט בס"ד ערקלערן.

## די עבודה פונעם שטן איז אפצוהאקן דער קשר מיטן אויבערשטן

די מפרשים זענען פארנומען צו ערקלערן וואס איז דאס דער 'שטן', בפשטות איז דאס א מלאך, אזוי עס ווערט מבואר אסאך מאל אין

דעם וואס זיי האבן פארקויפט יוסף הצדיק, אבער ווען עס איז געקומען אז מען האט דאס געטראפן ביי בנימין וואס ער האט נישט געהאט קיין חלק אין מכירת יוסף, דאס האט זיי צוגעגעבן א עקסטערע צער, און זיי האבן צוריסן זייערע קליידער, דעריבער איז מנשה - וואס ער איז געווען דער שליח - נענש געווארן אז זיין שבט איז צוריסן געווארן אין צוויי טיילן.

**און** אזוי אויך שטייט ווייטער אין מדרש, אז וויבאלד מען האט געטראפן די בעכער אין די זאק פון בנימין, טראץ וואס ער איז בכלל נישט געווען א חלק פון מכירת יוסף, אבער ווייל מען האט עס געטראפן ביי אים, און דאס האט גורם געווען אז די שבטים זאלן צורייסן זייערע קליידער, דעריבער וויבאלד ער האט געהאט א חלק אין דעם, האט דער באשעפער אים באשטראפט אז זיין אייניקל - מרדכי הצדיק - וועלכע שטאמט פון בנימין, האט צוריסן זיינע קליידער בשעת די גזירה פון המן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (אסתר ד, א) וַיִּקְרַע מָרְדֳּכַי אֶת בְּגָדָיו וגו'.

**וואס** מען לערנט ארויס דערפון איז, אז דער באשעפער איז מורא'דיג מקפיד אויף יעדע קלייניקייט, יעדער שריט און טריט האט א פונקטליכע חשבון, טראץ וואס א געוויסע צער אדער גזירה איז באשערט, קומט עס מיט א מורא'דיגע דייקנות און פונקטליכקייט, און יעדע טראפ יסורים אדער שוועריקייטן וואס א מענטש גייט אדורך קומט מיט א פונקטליכע חשבון פונעם באשעפער.

חז"ל[יא], אבער דער רמח"ל האט א אנדערע פשט דערין, און איז מסביר ווי פאלגנד:

"דער שטן פראבירט צו אפהאקן די יניקה וואס די נשמה באקומט פונעם אויבערשטן, ער וויל אפהאקן די צינור השפע וואס דער אויבערשטער איז שטענדיג משפיע אויפן מענטש"

דער אויבערשטער האט א קשר מיט יעדע אידישע נשמה, א נפש אלוקית באקומט שטענדיג א געטליכע יניקה און א השפעה פונעם אויבערשטן, און דער ארבעט וואס דער שטן פראבירט שטענדיג צו טון, איז צו אפהאקן די יניקה וואס די נשמה באקומט פונעם אויבערשטן, ער וויל אפהאקן די צינור השפע וואס דער אויבערשטער איז שטענדיג משפיע אויפן מענטש, און ער וויל אים אריבערציען צו זיין זייט, אז דער מענטש זאל זיין אונטער זיין השפעה.

דער כח וואס דער שטן באקומט, ווענדט זיך אין דער מענטש אליינ'ס, וויפיל דער מענטש פארלאזט זיך אויפן אויבערשטן, וויפיל דער מענטש טוט בוטח זיין אינעם אויבערשטן, און וויל נישט ווערן נאכגעשלעפט נאכן שטן, אזוי שטארק ווערט זיין קשר מיטן אויבערשטער.

ווען דער מענטש האלט זיך אן מיט א שטארקייט און ער ווייסט און ער גלייבט אז אלעס טוט דער אויבערשטער, און קיינער קען אים נישט שלעכט'ס טון, און אלעס וואס פאסירט אויפן וועלט קומט מיט א פונקטליכע חשבון פון דער אויבערשטער, און ער ווערט נישט נאכגעלאזט אין קיין שום מצב, דעמאלטס קען זיך דער שטן נישט אריינמישן אין קיין שום פאל אין דער יניקה פונעם אויבערשטן צום מענטש, און דער מענטש בלייבט ווייטער דבוק אין מקושר אינעם אויבערשטער.

אבער אויב חלילה דער מענטש ווערט אפגעשוואכט, און ער פאנגט אן נאכצולאזן אין זיין אמונה און בטחון אינעם אויבערשטן, דעמאלטס באקומט דער שטן א כח אז ער זאל אים קענען אריבערשלעפן צו זיין

---

יא ביי די פסוקים אין איוב, איז לכאורה מבואר אז דאס איז א מלאך, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (בבא בתרא טז.) הוא שטן, הוא יצר הרע, הוא מלאך המות, וכו', עיי"ש.

זייט, און דורכדעם ווערט אפגעהאקט זיין קשר און צינור התקשרות צום אויבערשטן, און ער פארלירט די שייכות און שפע וואס ער האט מצד הקדושה[יב].

און דאס איז תלוי אין אונזער עבודה, וויפיל אונז שטארקן זיך מיט אונזער קשר צו דער אויבערשטער, און וויפיל אונז זענען מקושר צום אויבערשטן, טוט דאס אפשוואכן דער כח פונעם שטן, און דער שטן האט נישט קיין כח און קיין רעכט זיך אריינצומישן.

## אך את נפשו שמור

מען זעט אין די פסוקים פון איוב, אז ווען דער אויבערשטער האט געגעבן רשות פאר דער שטן אז ער זאל קענען גיין אויספרובירן 'איוב', צו ער וועט זיך קענען האלטן שטארק מיט אמונה אפילו אויב עס

---

יב מען זעט אין חז"ל אז דער כח פון דער שטן קומט מצד הקדושה, און ער איז יונק פון די הייליגסטע ארט וואס איז פארהאן אויפן וועלט בית קודש הקדשים, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (יומא סט:) ווען עזרא הסופר האט געבעטן דער אויבערשטער ער זאל מבטל זיין די יצר הרע פון עבודה זרה, און דער אויבערשטער האט אנגענומען די בקשה, שטייט אין חז"ל, אז עס איז ארויסגעקומען מבית קודש הקדשים א פייערדיגע צורה פון א לייב, וואס דאס איז געווען דער יצר הרע פון עבודה זרה.

**עס** ווערט פארציילט אויף הרה"ק רבי שמשון משפטיווקא זי"ע, ווען ער האט זיך געצויגן קיין ארץ ישראל, איידער ער האט זיך געצויגן האט ער זיך געזעגנט פון דער יצר הרע, און האט אים געזאגט אז ער לאזט אים דא איבער אין חוץ לארץ, ווען ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, טרעפט ער דער שטן און ער פרעגט אים איך האב דיר דאך איבערגעלאזט דארט אין חוץ לארץ ווי אזוי ביזטו אנגעקומען אהער? האט דער שטן געענטפערט, דארט האסטו געזען מיין שליח, דא אין ארץ ישראל בין איך אליין דא.

**דאס** איז פשט אין דעם וואס דער שטן האט אזא כח אז ער קען זיך מתגבר אויף א מענטש און פארפירן א מענטש פונעם אויבערשטן. און נאכמער, דייקא דורך דעם וואס דער שטן איז זיך מתגבר אויפן מענטש און טוט אים אפהאקן פון דער אויבערשטער, באקומט דער שטן א כח צו יונק זיין פון די כח הקדושה אנשטאט דער מענטש.

וועט קומען יסורים, שטייט אין פסוק[יג], **וַיֹּאמֶר ה' אֶל הַשָּׂטָן הִנּוֹ בְיָדֶךָ אַךְ אֶת נַפְשׁוֹ שְׁמֹר**, דער אויבערשטער האט געזאגט פארן שטן אז ער געבט איבער איוב אין זיינע הענט, און ער קען אים געבן וועלכע יסורים ער וויל, אבער איין זאך טאר ער אים נישט צונעמען - אך את נפשו שמור - ער טאר אים נישט צונעמען זיין נפש און זיין דעת ווי די מפרשים זענען מבאר אויפן פלאץ "שלא תטרף דעתו עליו".

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס מיינט דאס אז דער אויבערשטער זאגט פארן שטן אז ער האט רשות און קען צונעמען פון איוב אלעס אויפן וועלט, ער קען אים געבן סיי וועלכע יסורים, אבער נאר די דעת מוז ער אים איבערלאזן, פונקטליך וועלכע דעת קען מען האבן נאכדעם וואס מען האט פארלוירן אלעס אויפן וועלט? אין וואס קען מען שוין אריינטראכטן נאכדעם וואס מען האט שוין גארנישט אויפן וועלט? וואספארא סארט דעת איז דאס?

**"פונקטליך וועלכע דעת קען מען האבן נאכדעם וואס מען האט פארלוירן אלעס אויפן וועלט? וואס קען מען שוין אריינטראכטן נאכדעם וואס מען האט שוין גארנישט אויפן וועלט?"**

נאר דער פשט איז, דער אויבערשטער האט געזאגט די דעת - וואס דאס איז די דעת עליון - וואס א מענטש ווייסט אז ער איז מקושר מיטן אויבערשטן א גאנצע צייט, און ער ווייסט אז דער אויבערשטער האט אים נישט פארלאזט, און ער באגלייט אים שטענדיג, און שטייט מיט אים צוזאמען א גאנצע צייט, דאס האט דער אויבערשטער נישט געלאזט צונעמען.

ווייל ווילאנג דער מענטש לעבט מיטן קלארע דעת, אז דער אויבערשטער איז צוזאמען מיט אים, קען דער שטן זיך נישט אריינרוקן און מפסיק זיין צווישן דער מענטש און דער אויבערשטער, און מיט דעם האט דער מענטש די כוחות אריבער צו גיין די שווערסטע יסורים און מצבים אויפן וועלט.

---

יג איוב ב, ו.

און עס שטייט אין חז"ל[יד], אז דאס איז געווען די שווערסטע זאך פארן שטן, וויבאלד ער האט געוואוסט, אז אויב וועט זיך איוב האלטן מיט זיין קלארע דעת און נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך די אלע נסיונות און יסורים, דעמאלטס וועט ער אים בשום אופן נישט קענען בייקומען.

אבער ווען דער מענטש ווערט נאכגעלאזט, און לאזט אפ זיין קשר וואס ער האט מיטן אויבערשטער, דעמאלטס פאלט ער דורך, און ער ווערט נאכגעשלעפט נאך דער יצר הרע, און ער פארלירט זיין קשר מיטן אויבערשטער, האט ער נישט קיין כח צו אריבערגיין די נסיונות וואס דער אויבערשטער שיקט אים.

## "באשעפער איז וועל דיר קיינמאל נישט אפלאזן"

אינעם ספר 'שבט יהודה' פון 'רבי שלמה אבן וירגא', וועלכע איז געווען פון די חכמי ספרד, און איז זעלבסט געווען איינע פון די מגורשי ספרד, שילדערט ער אין זיין ספר די שרעקליכע גירוש און יסורים וואס האט דעמאלטס פאסירט, ברענגט ער דארט א מורא'דיגע מעשה וואס האט דעמאלטס פאסירט:

אויף איינע פון צענדליגע שיפן ווי די מגורשי שפאניע זענען ארויס געפארן נאכדעם וואס מען האט זיי פארטריבן, האט אויסגעבראכן א שווערע מגיפה, און דער קאפיטאן האט באשולדיגט די אידן אז דאס האט פאסירט צוליב זיי, און האט באפוילן אז אלע אידן פון שיף מוזן אראפגיין ביי דעם קומענדיגן יבשה ווי די שיף וועט זיך אפשטעלן. און ווען די שיף איז אנגעקומען צו א פארווארפענע אינזל אינמיטן ים, זענען די אלע אידן געצווינגן געווארן אראפצושטייגן פונעם שיף.

---

יד אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא (בבא בתרא טז.) ויאמר ה' אל השטן הנו בידך אך את נפשו שמור, ויצא השטן מאת פני ה', ויך את איוב וגו'. אמר רבי יצחק, קשה צערו של שטן יותר משל איוב, משל לעבד שאמר לו רבו, שבור חבית ושמור את יינה, ועיי"ש.

די אידן זענען אראפ פון שיף, אן קיין עסן, זייענדיג אויסגעמאטערט און הונגעריג פון די לאנגע וועג, און אסאך פון זיי זענען ליידער זייער קראנק געווען פון די מגיפה.

אויפן שיף איז געווען א איד וואס איז דארט געווען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, און ווי נאר זיי האבן אראפגעטרעטן אויף די בארטענס פונעם אינזל איז זיין פרוי פון גרויס שוואכקייט צוזאמגעפאלן און געשטארבן אויפן ארט.

דער איד האט אויפגעהויבן די קערפער פון זיין פרוי און האט איר דארט באגראבן אויפן פלאץ, דערנאך האט ער אויפגעהויבן זיינע צוויי שוואכע קינדער און מיט זיין לעצטע ביסל כח אנגעהויבן צו גיין ווייטער צו טרעפן עפעס עסן מיט וואס צו שטילן זיין הונגער.

גייענדיג א שטיקל וועג מיט זיינע צוויי קינדער אויף זיינע הענט, איז דער איד ערשעפט געווארן, און פון גרויס שוואכקייט איז ער אנידערגעפאלן אין חלשות.

נאך וואס די ארומיגע אידן האבן אים דערמונטערט און ער האט זיך אויפגעוואכט, האט ער באמערקט אז זיינע צוויי קינדער וועלכע ער האט מיטגעשלעפט מיט זיך דאס גאנצע לאנגע וועג, זענען אין די קורצע צייט אויסגעגאנגען פון הונגער, און געפונען זיך נעבן אים צופוסענס אן קיין צייכענעס פון לעבן.

ווען דער איד האט געזען זיין שווערע מצב, ווי נאך די אלע צרות און מיטמאכענישן האט ער פארלוירן אלעס אויפן וועלט, האט ער מיט גרויס ווייטאג און צער זיך אויפגעשטעלט און אויפגעהויבן זיין הענט צום באשעפער אין הימל און געזאגט:

"טאטע אין הימל איז זעה די אלע צרות און פיין וואס דו געבסט מיר, האסט מיר צוגענומען מיין ווייב און מיינע צוויי קינדער, דאס אלעס איז א פרואוו כדי איך זאל פארלירן מיין אמונה אין דיר באשעפער, אבער ויסן זאלסטו באשעפער, איך בין א איד און איך גיי אייביג בלייבן א איד! נישט קיין חילוק וויפיל צרות עס גייט אויף מיר דורכגיין, מיין

**"טאטע אין הימל איז זעה די אלע צרות און פיין, האסט מיר צוגענומען מיין ווייב און מיינע צוויי קינדער, דאס אלעס איז א נסיון אז איך זאל חלילה פארלירן מיין אמונה אין דיר באשעפער, אבער וויסן זאלסטו באשעפער, איך בין א איד און איך גיי אייביג בלייבן א איד! נישט קיין חילוק וויפיל צרות עס גייט אויף מיר דורכגיין, מיין אמונה צו דיר באשעפער וועל איך קיינמאל נישט אפלאזן!"**

אמונה צו דיר באשעפער וועל איך קיינמאל נישט אפלאזן!"

ווען ער האט פארענדיגט זיינע ווערטער, האט ער מיט גרויס שוואכקייט גענומען אביסל ערד און צוגעדעקט זיינע צוויי קינדער און ווייטער פארגעזעצט זיין וועג צו געפונען אביסל עסן צו שטילן זיין הונגער.

פירט אויס דער 'שבט יהודה', דאס איז געווען איז געווען א מוסטער פון די געוואלדיגע געטריישאפט פון די אידן צום באשעפער, וועלכע אין די שווערסטע אומשטענדן האבן זיי נישט פארלוירן זייערע אמונה און אנגענומען די אלע נסיונות, יסורים און פיין, כדי צו פארהייליגן דער נאמען פונעם באשעפער.

## זיך נישט צו פארלירן אין קיין שום מצב

און ווען מען לעבט מיט אזא צוגאנג, אז אונז זענען מאמינים בני מאמינים, און אונז גלייבן אז דער אויבערשטער איז 'מחיה את כולם', און דער אויבערשטער געבט א חיות פארן מענטש יעדע רגע, און דער שפע האקט זיך קיינמאל נישט אפ, נישט קיין חילוק אין וועלכע סארט מצב מען געפונט זיך, און מען ווערט נישט פארלוירן, און מען רירט זיך נישט אוועק פון די התקשרות מיטן אויבערשטער. מיט אזא סארט צוגאנג, קען זיך דער שטן נישט אריינכאפן אינעם מענטש, ער קען זיך נישט אנכאפן אינעם מענטש.

און טאקע וועגן דעם איז דאס דער עיקר אויף וואס דער שטן פרובירט צו פארלייגן גאר גרויסע כוחות, ווייל ער ווייסט אז זיין איינציגסטע

הצלחה אינעם מענטש איז אויב ער וועט מצליח זיין אז דער מענטש זאל זיך פארלירן, וואס דעמאלטס ווערט דער מענטש אפגעהאקט פונעם אויבערשטער, און דעמאלטס ווערט דער שטן איינגעלאדענט צו קומען צו דער מענטש און באקומען א שליטה אויף אים.

און ווען א מענטש גייט אריבער א שוועריקייט, דארף ער דעמאלטס זיכער מאכן, אז זיין קשר און אמונה אינעם אויבערשטן זאל חלילה נישט ווערן אפגעשוואכט, און ער דארף געדענקן אז אדרבה אויב חלילה ווערט ער אפגעשוואכט און דער שטן קומט אריין אין אים און נעמט אים איבער, טוט דאס אסאך שטערקער פארמערן זיינע פראבלעמען ווייל ער ווערט אפגעהאקט און מנותק פונעם א-ל חי וקים, און ער פאנגט אן צו באקומען א סיפוק און יניקה פונעם שטן, און עס ווערט שווערער זיך צו מתגבר זיינע אויף זיינע שוועריקייטן און נסיונות.

## איש את רעהו יעזרו, ולאחיו יאמר חזק

אבער דאס איז נישט א עבודה בלויז פון א יחיד, וואס מען דארף ארבעטן אויף זיך, זיך צו האלטן שטארק אין יעדע מצב. דאס איז א עבודה וואס האט צוטון מיט א רבים, ווען מען זעט ווי א צווייטער גייט אריבער א שוועריקייט, מען זעט ווי עפעס דרוקט אים, עפעס טוט אים וויי, דארף מען צוגיין צו אים און פרעגן וואס ער מאכט, און זיך אינטערעסירן וואס ער גייט אריבער.

מען ווייסט נישט וויפיל מען קען מחזק א צווייטער ווען מען געבט אים בלויז א ווארט פון חיזוק, מען האט נישט קיין אהנונג וויפיל מען קען אויפטון מיטן זיך זארגן פאר א צווייטער, דאס געבט אים מורא'דיגע כוחות זיך צו שטארקן אויף זיינע שוועריקייטן, און עס געבט די מוט צו אנגיין ווייטער און ווערן צובראכן ביי זיך.

**"די איינציגסטע הצלחה פונעם שטן איז אויב ער איז מצליח אפצוהאקן דער מענטש פונעם אויבערשטער, וואס נאר דעמאלטס קען ער באקומען א שליטה אויפן מענטש"**

**"מען ווייסט נישט וויפיל מען קען מחזק א צווייטער בלויז מיטן געבן א ווארט פון חיזוק, מען האט נישט קיין אנונג וויפיל מען קען אויפטון מיטן זיך זארגן פאר א צווייטן"**

און דאס העלפט אז דער מענטש זאל נישט פארלירן זיין חיות, ער זאל באקומען כח און מוט צו קענען גיין ווייטער, ער זאל זיך קענען שטארקן מיט זיין קשר צום אויבערשטן, כדי ער זאל חלילה נישט ווערן פארלוירן און צוקומען צו נעמען א יניקה פון די אנדערע זייט.

## די עבודה פון בועז מרבה זיין שלום בשם ה'

יעצט לאמיר צוריק גיין, צו די פרשה פון בועז, וואס מען האט אויבן דערמאנט, אז ער האט מתקן געווען מען זאל זיך גרוסן איינע די אנדערע, און געבן שלום בשם ה'.

עס שטייט אין חז"ל אז בועז האט געוואוסט אז דער רצון ה' איז אז פון רות וואס זי איז געווען א עמונית דארף ארויסקומען דוד המלך. אבער עס איז נישט געווען אזוי פשוט דאס אהערצושטעלן.

עס איז געווען א גרויסע מחלוקת צווישן די גדולי התורה, אויב דוד המלך - וואס שטאמט פון רות - איז מותר לבא בקהל, עס שטייט דאך אין די תורה[טו], **לֹא יָבֹא עַמּוֹנִי וּמוֹאָבִי בִּקְהַל ה' גַּם דּוֹר עֲשִׂירִי לֹא יָבֹא לָהֶם בִּקְהַל ה' עַד עוֹלָם**, די תורה האט פארבאטן אז א עמוני און א מואבי זאלן קענען אריינקומען אין כלל ישראל, עד סוף כל הדורות.

און די סיבה דערצו שטייט ווייטער אין פסוק, **עַל דְּבַר אֲשֶׁר לֹא קִדְּמוּ אֶתְכֶם בַּלֶּחֶם וּבַמַּיִם בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם וגו'**. דאס קומט אלס עונש צוליב דעם וואס זיי זענען נישט ארויסגעקומען און מקבל געווען די אידן בלחם ובמים, ווען זיי זענען געווען אויפן וועג ארויס פון מצרים.

טו דברים כג, ד - ה.

און די גמרא פארציילט[טז], אז עס איז נישט געווען קלאר וואס די הלכה מיט א 'עמונית' און א 'מואבית' איז, און עס איז געווען א גרויסע מחלוקת צווישן די חכמי התורה, און 'דואג האדומי' וועלכע איז געווען פון די גרעסטע גדולים אין יענע צייטן, האט זיך געדינגען אויף די מלוכה פון דוד, און האט געהאלטן אז דער איסור פון די תורה איז אויך אויף אן 'עמונית' און 'מואבית', און דעריבער איז דוד המלך אסור לבא בקהל, און ער קען נישט ווערן קעניג.

די גמרא ברענגט די גאנצע טענה'ריי וואס איז געווען צווישן 'דואג האדומי' און 'אבנר', און אבנר האט געהאלטן אז די תורה זאגט די איסור וויבאלד זיי זענען נישט ארויסגעקומען מקבל זיין כלל ישראל בלחם ובמים, און דאס איז נאר שייך ביי די מענער, היות ביי פרויען איז נישט דער סדר זיין זאל ארויסגיין מקבל זיין בלחם ובמים. אבער דואג האט זיך געדינגען און געהאלטן אז די פרויען וואלטן אויך געדארפט ארויסקומען און מקבל זיין די פרויען פון כלל ישראל, און אבנר האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן.

דערנאך זענען זיי צוזאמען געגאנגען אין בית המדרש ווי די חכמי התורה זענען געזעצן און האבן פארגעשלאגן די שאלה, און דואג האט ווידעראמאל געפרעגט זיינע קשיות, און קיינער האט אים נישט געקענט ענטפערן, און דואג האט געוואלט אויסרופן אז דוד המלך איז פסול לבא בקהל, און קען נישט ווערן א מלך איבער כלל ישראל.

ווען 'עמשא בן יתר' האט געזען אז מען וויל פסק'ענען אז דוד המלך האט א פסול אין זיין יחוס, האט ער זיך אנגעגארטלט מיט זיין שווערד, און האט אויסגערופן, אז אזוי איז די קבלה וואס מען האט מקבל געווען פון דער בית דין פון שמואל, אז מען דרש'נט עמוני ולא עמונית, מואבי ולא מואבית, און דער וואס וועט נישט אננעמען אזוי די הלכה וועט געשטאכן ווערן מיט א שווערד.

טז מסכת יבמות דף עו:

דעמאלטס איז ארויסגעקומען דער ענדגילטיגער פסק אז דוד המלך איז יא מותר לבא בקהל, און עס איז נישטא קיין פסול אין זיין יחוס, ווייל מען דרש'נט עמוני ולא עמונית, מואבי ולא מואבית. און גאנץ כלל ישראל האט זיך מאחד געווען און מקבל דעם פסק לדורי דורות.

און דאס איז געווען די טיפע כוונה פון בועז ווען ער האט מתקן געווען די תקנה אז ווען מען גרוסט זיך זאל מען דערמאנען דעם שם ה', ווייל ער האט געוואוסט אז לידת משיח וועט אנקומען זייער שווער, ער וועט מוזן מאחד זיין כלל ישראל כדי מען זאל ארויסברענגן דער מלך המשיח.

בועז האט געוואוסט אז כדי מען זאל קענען מאחד זיין גאנץ כלל ישראל אונטער איין פסק, מוז מען האט א קלארע דעת כדי מען זאל קענען אנקומען צו די אמת, דעריבער האט בועז מתקן געווען אז מען זאל אראפברענגן שלום אויפן וועלט.

ווען מען ברענגט אראפ שלום אויפן וועלט, איז מען מעורר השגחת ה', און דאס איז נישט בלויז א פרטיות'דיגע הנהגה, נאר ווען מען זאגט שלום פאר א צווייטן און מען איז מזכיר שם ה', איז מען מעורר אויף אים די השגחת ה'. און דאס האט בועז מתקן געווען, אז ווען מען געבט זיך שלום איינע פאר די אנדערע, זאל מען דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן, וואס דערמיט איז מען מקשר דעם מענטש צום אויבערשטן, אז ער זאל זיך האלטן מיטן ריכטיגן דעת. און דערמיט האט בועז גע'פועל'ט אז מען זאל שפעטער פסק'ענען אז דוד איז מותר לבא בקהל, מען זאל האבן די ריכטיגע דעת צו קענען ארויסגעבן די הוראה פאר כלל ישראל.

דעריבער פארשטייט מען די אויבנדערמאנטע ווערטער וואס דער רדב"ז זאגט, אז ווען מען באגריסט זיך מיט א צווייטן, און מען דארמאנט דאסווארט שלום, פארמאגט די שלום א קדושה פון שם ה', ווייל דערמיט איז מען משפיע שכל און דעת אויף דער מענטש, און דאס קען נאר טוען דורכ'ן דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן.

## גדעון וויל מאחד זיין כלל ישראל אונטער דער באשעפער

אין דאס איז אויך פשט אין די צווייטע ראי' וואס חז"ל ברענגן פון גדעון. אין די צייטן פון 'גדעון בן יואש' האבן די אידן געליטן שווערע צרות פון די מדיינים און עמלקים, און דער אויבערשטער האט געשיקט א מלאך זאל זיך באווייזן צו גדעון, און ער האט אים באפוילן ער זאל צוברעכן די מזבח וואס די אידן - עובדי הבעל - האבן אויפגעבויעט פאר די עבודה זרה, און ער זאל בויען א מזבח לשם ה' און מקריב זיין קרבנות.

וויבאלד ליידער זייער אסאך אידן זענען געווען נאכגעשלעפט נאך די נביאי הבעל, און האבן געדינט עבודה זרה, האט גדעון מורא געהאט דאס צו טון אינמיטן טאג ווען יעדער וועט זען און מען וועט אים הרג'ענען. און פון די פסוקים זעט מען אז אפילו דער אייגענע טאטע פון גדעון - יואש - ער איז אויך געווען פון די עובדי הבעל, און די מזבח פון די עובדי הבעל האט באלאנגט פאר יואש.

פנדעסטוועגן האט זיך גדעון מתגבר געווען, און אינמיטן נאכט האט ער באהאלטענערהייט צובראכן די מזבח פון די עבודה זרה, און ער האט געבויעט א מזבח פארן אויבערשטער און מקריב געווען קרבנות, און האט גערופן דער מזבח ה' שלום[יז].

דער פשט דערפון איז, ווען כלל ישראל איז געווען איינגעטונקן אין עבודה זרה, און אלע שרייען אז דער אויבערשטער האט אונז איבערגעלאזט און די עבודה זרה העלפט אונז, קען גדעון נישט גיין איינער אליינס אנטקעגן גאנץ כלל ישראל, דעריבער האט ער געבויעט א מזבח און האט

---

יז עס שטייט שפעטער אין די פסוקים, אז ווען די עובדי הבעל האט דאס געזען, זענען זיי געקומען צו יואש און פארלאנגט ער זאל ארויסגעבן זיין זון - גדעון - און זיי האבן אים געוואלט הרג'ענען פאר צוברעכן די מזבח. האט זיי יואש געענטפערט, אז אויב האט גדעון געזינדיגט פאר בעל, זאל דער בעל אליינ'ס זיך אננעמען פאר זיין כבוד און זיך נוקם זיין אין גדעון. דערנאך איז גדעון ארויס מיט א מלחמה אנטקעגן מדין און עמלק, און דער אויבערשטער האט באוויזן א גרויסע ניצחון און מען האט זיי באזיגט.

**"דאס געבט אים די כוחות צו שטיין פעסט און בלייבן מקושר צום אויבערשטן, און דערמיט איז מען מקשר כלל ישראל צום אויבערשטן"**

גערופן דער אויבערשטער מיטן נאמען שלום, דערמיט האט ער זוכה געווען צו מכניע זיין די נביאי הבעל, ווייל דורכדעם האט ער קענט מקשר זיין גאנץ כלל ישראל צו גלייבן אונטער דער אויבערשטער, און זיי זענען צוריק געקומען תחת כנפי השכינה.

## מרבה זיין שלום בעולם

ווען מען איז מרבה שלום, מען ברענגט אריין שלום צווישן איינע און די אנדערע, מען זאגט א גוט ווארט פאר א צווייטן, האט דאס א מורא'דיגע כח, מען ברענגט ארויס דעם שם ה' פון שלום אויפן א צווייטער איד, און דאס געבט אים די כוחות צו שטיין פעסט און בלייבן מקושר צום אויבערשטן, און דערמיט איז מען מקשר כלל ישראל צום אויבערשטן, און דאס איז די תקנה וואס חז"ל האבן מתקן געווען.

דערמיט איז מען זוכה צו 'מלך שהשלום שלו'. מען איז זוכה צו מקרב זיין ביאת מלך המשיח, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[יח] לְמַרְבֵּה הַמִּשְׂרָה וּלְשָׁלוֹם אֵין קֵץ עַל כִּסֵּא דָוִד וְעַל מַמְלַכְתּוֹ לְהָכִין אֹתָהּ וּלְסַעֲדָהּ בְּמִשְׁפָּט וּבִצְדָקָה מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם קִנְאַת ה' צְבָאוֹת תַּעֲשֶׂה זֹּאת. און דורכדעם וואס מען איז מרבה שלום, איז מען מקרב דאס ביאת משיח בן דוד.

זאל דער אויבערשטער העלפן מען זאל טאקע זוכה זיין צו מרבה זיין שלום בעולם, עס זאל זיין 'איש את רעהו יעזרו ולאחיו יאמר חזק', מען זאל קענען זיין דבוק און מקושר אינעם כח אלקי, און מען זאל קענען דינען דער אויבערשטער צוזאמען מיט גאנץ כלל ישראל אינאיינעם, און מען זאל זיך קענען מחזק זיין איינע די אנדערע, און דורכדעם וועט מען זוכה זיין צו ממתיק זיין די אלע דינים, און מרבה זיין די שפע רב וואס ווערט נשפע מן שמים, אמן.

---

**יח** ישעיהו ט, ו.